„RADOMER-KIELCER LEBEN“ №16 (104) „Należytość pocztową uiszczono ryczałtem“ יאָהרגאַנג דריטער פרייז 25 גראשען

# ראַדאָמער-קעלצער לעבען

היינט 12 זייטען

אדרעסען
פון „ראַדאָמער קעלצער לעבען“

אין ראַדאָם
Redakcja i Administracja
„Radomer Kielcer Leben“
Radom, Szwarlikowska 20.

אין קעלץ.
Redakcja i Administracja
„Radomer Kielcer Leben“
Kielce, Stato-Warszawska 34.

אנאָנסען פרייז:
א־ין מילימעטער שורה: פאַר׳ן טעקסט 20 גר.
„ „ אין „ 40
„ „ נאָכ׳ן „ 18
די ערשטע זייט ענטהאַלט 8 שפּאַלטען
אין טעקסט אין לעצטע זייט 4 „

ראַדאָם פרייטאַג ט׳ אייר תּ פּ״ו | פאַר׳ן אינהאַלט און טעקסט פון די אַנאָנסען איז די רעדאַקציע נישט פעראַנטוואָרטליך | 23-go Kwietnia

טעאַטער „ראַזמאַיטאָשטשי“ ראַדאָם. ▪ נור 3 גאַסטראָלען פון די בעריהמטע אַרטיסטען

# א. קאַמינסקאַ, ז. טורקאָוו

מיט אַ גוטען פּערסאָנאַל.

| פרייטאַג דעם 23 אַפּריל | זונטאַג דעם 25 אַפּריל ווערט געגעבען | מאָנטאַג דעם 26 אַפּריל |
|---|---|---|
| **דער קרבן** | **דער גורל** | **דער געדאַנק** |
| דראַמע אין 4 אַקטען פון אָסיפּ דימאָוו. | דראַמע אין 4 אַקטען פון קאַרל מערע | דראַמע אין 5 אַקטען פון ל. אַנדרעיעוו |

בילעטען שוין צו בעקומען ביי ה׳ ציגערמאַן לובלינער 11 אָנהויב פון די פאָרשטעלונגען 8.30 אָוונד.

צו דער פערלאָבונג פון אונזער ליבען זוהן ישראל מיט פרל׳ מאַניאַ גענטיס וואונשען מיר, אז זייער זיווג זאָל געשלאָסען זיין אין אַ מאָמענט פון מזל און גליק.
עלטערען
זיסעל בערקמאַן עם פרוי.

סאַליעק בערקמאַן — מאַניאַ גענטיס
ראַדאָם — אָסטראָג וואָלין
פערלאָבט
15 קוויעטשען 1926 (אָסטראָג)

צו דער פערלאָבונג פון אונזער ליבען ברודער, שוואָגער און פעטער ישראל מיט פרל׳ מאַניאַ גענטיס וואונשען מיר אַ הערצליכען מזל־טוב, זאָל זייער וועג מיט בלומען געצירט זיין אויף אימער און עוויג.
שוועסטער און שוואָגער
פעסעלע, זעליג און אברהמ׳לע זילבערפאַרב.

צו דער פערלאָבונג פון מיין ל. פריינד אונד חבר ישראל בערקמאַן מיט פרל׳ מאַניאַ גענטיס פון אָסטראָג ווינש איך אַז זייער צוקונפט זאָל בעגלייט ווערען פון ליבע, גליק אונד צופ׳רידענהייט.
חיים פייפער.

Z intencji zaręczyn p. SALKA BERKMANA z p. M. GENTISÓWNĄ życzymy, aby szczęście sprzyjało im wiecznie.
**Bela i Izrael Korman.**

Z intencji zaręczyn naszego koch. brata **Salka Berkmana** z panną **Manią Gentisówną** życzymy im, aby gwiazda szczęścia sprzyjała im ku nowej drodze życia.
Siostra **Mania,** Bracia **Moniek, Fulek** i **Leon.**

צו דער פערלאָבונג פון אונזער ׳ דבר ישראל בערקמאַן מיט פרל׳ מאַניאַ גענטיס ווינשען מיר אַז זייער לעבען זאָל אַנהויבען בליהען אזוי ווי די בלומען אין פריהלינג און אַ קוואַל מיט גליק זאָל פליסען פאַר איך.
יעקב רוטמאַן
און חעלע בערגעמאַן.

Z intencji zaręczyn p. SALKA BERKMANA z p. MANIĄ GENTISÓWNĄ w Ostrogu, życzą harmonji i szczęścia.
**GOŁDAKÓWNE.**

צו די תנאים פון אונזער חבר ישראל בערקמאַן מיט פרל׳ מאַניאַ גענטיס ווינשען מיר אַ גליקליכע צוקונפט.
חברים
יעקב שווארצבערג
לייבל רייכענבוים
יהושע בוים

Z intencji zaręczyn panny ELI URBACHÓWNY z panem KRÜGEREM w Palestynie, życzę im szczęścia na przyszłej drodze życia.
**Miron Joffe.**

Sp. Akc. Towarzystwo UBEZPIECZEŃ „PIAST“ w WASZAWIE Marszałkowska 124

zawiera ubezpieczenia w następujących działach:
Od Ognia, od Przerwy w ruchu przedsiębiorstw, spowodowanej pożarem (chomàge), od Kradzieży z włamaniem, inkasentów, od Rabunku, Szyb i luster od pęknięcia i rozbicia, Koni, Transportów lądowych i morskich, Życiowe i od nieszczęśliwych wypadków.
Obecnie uruchomione zostały nowe działy: **UBEZPIECZENIA SAMOCHODÓW** w ruchu i postoju (Auto Casco) **UBEZPIECZENIA OD ODPOWIEDZIALNOŚCI CYWILNEJ** we wszystkich dziedzinach życia.
Warunki i szczegóły wszystkich ubezpieczeń udzielane są w adomiu i Okolicy przez Zastępców Towarzystwa „PIAST“ p. p. **M. Rosenberga** (Szeroka 19), **B. Jelińskiego** (Giserska 7), **J.** i **D. Mittelstäd** (Warszawska 9).
**Towarzystwo „PIAST“ należy do wielkiego koncernu.**
Riunione Adriatica di Sicurtà w Tryeście.

Z intencji zaręczyn siostrzenicy **Feli Ajchenbaumówny** z p. **B. Kurcem** życzymy kwitnącej przyszłości.
**Sala Bankierówna.**
**Izak Kac.**

צו מיין אָבפאָהר קיין קאַנאַדע זונטאַג דעם 25 ה. ח. ווינש איך מיינע עלטערן, פריינד און בעקאַנטע אַ האַרציגען זייט געזונד.
מאיר וויסמאַן.

די יודישע דעפוטאציע א הארציגען קבלת־פנים געמאכט און מיט זיי זיך שטארק משמח געווען. דער פירשט האט בכבודו ובעצמו אין די דאזיגע פייערליכקייטען אנטייל גענומען און פערזענליך פערזיכערט, אז קיין שום שלעכט׳ס וועט די יודען אויף דער פוילישער ערד נישט געשעהען, מען וועט זיי נישט מארדען און נישט רויבען, פריי לעבען און ארבייטען, האנדלען און וואנדלען וועלען די יודען קענען אויף די פוילישע פעלדער אהן דער מינדעסטער שטערונג. אומעטום האבען זיי דאס רעכט זיך צו בעזעצען, זייער רעליגיע פריי צו האלטען און דעם יודישען גאט דינען אומעטום וועלען די יודען געשיצט און בעוואכט זיין.

דעם דאזיגען פייערליכען צוזאג פון פירשט׳ס מויל האבען די יודישע דעפוטאטען מיט גרויס פרייד בעגריסט און דעם פירשט פאר זיין גרויסען חסד געדאנקט און טייערע מתנות איהם געגעבען. פערלאזענדיג דעם קעניגליכען פאלאץ, האבען די יודען אויסגערופען: לעבען זאל פוילען! לעבען זאל דער קעניג!" און אלע דינער צוזאמען מיט׳ן קעניג האבען דערויף אפגעענטפערט: „לעבען זאלען די יודען"! באלד דערויף איז די גאנצע עדה יודען, וואס האבען געווארט אויף יענער זייט שליאבען צוזאמען מיט די „בריקעס" כחורה געקומען קיין פוילען, דער שליאבאן איז עוין פאר זיי אפען געווען און זיך בעזעצט אין די ראנדפראווינצען נאהענט פון דער גרענץ, פלייסיג געארבייט, עהרליך געהאנדעלט, דעם פירשט טריי געדינט און פוילען איז געווארען גרויס און רייך, די יודישע קראפט און דער יודישער קאפיטאל האט פוילען גרויס און רייך געמאכט:

די אויסגעגראבענע אין קרייצבורג (1848) אין וויעניעץ ביי וולאצלאוועק (1850) און אין דארף גלעמבאקא ביי פויזען (1372). יודישע בראקטען און מאנעטען מיט פערשידענע העברעאישע אויפשריפטען: „מיעשקא יושר הכהן, משקא קרל פאלטקי, דוכס, גנדו" (גנצזען, די דעמאלדיגע רעזידענץ פון פוילע.) און מיט די עמבלעמען פון „א פירשט מיט דער שווערד אין דער האנד, א רייטער מיט א פאהן, מיט א שופר, א לייב מיט אויפגעשטעלטע פוס" דערמאנען אן יענער היסטארישער צייט, ווען פוילען האט זיך נאך געפונען אין ערשטען סטאדיום פון איהר אויפבויאונג און ענטוויקלונג, פון יענע ערשטע „אשכנזים" וועלכע האבען דאס געלד געשאפען.

# אנוצליכע אינסטיטוציע.

ס׳איז גארנישט לאנג, בסך הכל עפיס מעהר ווי א יאהר, זייט עס עגזיסטערט אין ראדאם די געזעלשאפט „טאז".

די אויפגאבען פון דער דאזיגער געזעלשאפט זענען דעם ברייטען יודישען עולם גוט בעקאנט. יעדער איינער, וואס אינטערעסירט זיך מיט׳ן געזעלשאפטליכען לעבען, ווייסט, אז „טאז" איז א וויכטיגע יודישע געזעלשאפט, וואס ברענגט גרויסע נוצען אויף איהר טהעטיגקייט׳ס געביעט. וואס בעשטעהט אין אבהיטען דאס געזונדהייט ביי די יודישע מאסען.

אין ראדאם איז „טאז" נאר א אבטיילונג, פון דער ווארשאווער צענטראלע, זי איז כמעט די יונגסטע אינסטיטוציע צווישען די איבריגע געזעלשאפטליכע אנשטאלטען אין ראדאם. אבער טראץ איהר קורצער עקזיסטענץ ביי אונז אין שטאדט, האט די ראדאמער „טאז" אבטיילונג צו פערצייכענען בעדייטענדע פערדינסטען פאר דער היגער יודישער בעפעלקערונג.

אין משך פון דער גאר קורצער צייט האט „טאז" פיל געלייסטעט פאר די פאוואוס־קראנקע קינדער און בכלל פאר א סך קראנקע און שוואכע ארימע קינדער.

די בעריכטס־ציפערען פון „טאז" בעווייזען בולט, אז „טאז" איז איינע פון די נוצליכסטע אינסטיטוציעס אין אונזער שטאדט, וואס פערדינט אונטערגעשטיצט צו ווערען פון דער גאנצער יודישער געזעלשאפט!

„טאז" האט אין פערגאנגענעם יאהר אוועקגעשיקט קיין ווארשא 40 קראנקע קינדער (מיט אומריינע קעפ) אין ספעציעלען רענטגען־אינסטיטוט פון „טאז" די קינדער זאלען פאלקאם אויסגעהיילט ווערען. „טאז" האט אין זומער פון פערגאנגענעם מערץ געגרינדעט א זומער־קאלאניע אין גאבאטקע פאר שוואכע, ארימע קינדער, וועלכע האבען אין משך פון א גאנצען זומער גענאסען פון פרישע לופט און גוטע ערנעהרונג. „טאז" פעראינטערעסירט זיך און האט היגיענישע אויפזוכט איבער 300 תלמוד תורה־קינדער, זי גיט אויך אין פיעל פאלען מעדיצינישע הילף.

די געזעלשאפט „טאז" אין ראדאם שטרעבט מיט איהר גאנצען ווילען אויסצוברייטערען די ראהמען פון איהר טהעטיגקייט. „טאז האט זיך געשטעלט פאר א ציעל צו שאפען „א טראפען מילך" פאר קינדער אין שוואנגערע פרויען. ווען דאס זאל זיך איינגעבען, וואלט „טאז" בעוויזען א גרויסע זאך אויפצוטוהן. דעם היינטיגען ביטערען קריזיס האט אוועקגענומען פון הונדערטער קינדער דאס ביסעל פליסיגע שפייז, דאס ביסעל מילך ערנעהרונג. הונדערטער ארימע קינדער לעכצען מיט זייערע אויסגעדארטע, אויסגעקווארטע גופים׳לעך נאך א טראפען מילך, וואס זאל זיי אויפפרישען און צוגעבען כח.

„טאז" האט אויך אנגעצייכענט אין איהר פראגראם די שאפונג פון א אמבולאטאריום פאר שול קינדער.

„טאז" האט זיך געשטעלט אויך פאר א אויפגאבע אוועקצושיקען היינטיגען זומער בערך 100 קינדער אויף פרישע לופט, פערשטעהט זיך אזעלכע קינדער, וואס זענען שוואך און נויטיגען זיך אין פרישע לופט, ווי געזונדטע און ברויט.

ווי מיר זעהען, אלזא, האבען די אינציאטארען פון דער ראדאמער „טאז" אבטיילונג א ברייטען פערנעם און בעזיצען א גרויסען רצון צו שאפען גרויסעס, פאזיטיוועס און ערהאבענעס אויפ׳ן געביעט פון היגיענע און געזונדהייט. די פראגע איז אבער, צו זייערע יכולת׳ען ענטשפרעכען דעם גוטען ווילען. ווי מיר ווייסען פאראויס, זענען אזעלכע אונטערנעהמונגען פערבינדען מיט קאלאסאלע אויסגאבען, פון וואנען וועט זיך „טאז" פערשאפען די נויטיגע פינאנסיעלע מעגליכקייטען?

דער ענטפער מוז זיין: די יודישע בעפעלקערונג מוז דערין זיין פעראינטערעסירט, אז „טאז" זאל קאנען פערווירקליכען איהרע פלענער, וואס געהען לטובת די ארימע, שוואכע, קראנקע קינדער ס׳איז א חוב אויף יעדען איינעם צו זיין בעטייליגט אין די אונטערשטיצונג׳ס אקציע פאר „טאז".

דער חוב איז א דאפפעלטער דערפאר, וואס „טאז" בעקומט נישט קיין מאטעריעלע אונטערשטיצונג, אפילו פון דער יודישער קהלה. צווישען אלע סובסידיעס אין קהלה בודזשעט, ווערט פון „טאז" אפילו נישט דערמאנט. די ווענדונג פון „טאז" צו דער קהלה וועגען א סובסידיע איז גענצליך נישט אכט גענומען און איז אבגעזאגט געווארען. דערפאר איז עס דער חוב פון יעדען יחיד אונטערצושטיצען „טאז", וואס פערנעמט בלי ספק א געוויכטיגען פלאץ צווישען אלע ראדאמער אינסטיטוציעס מיט זיין נוצליכקייט און נויטווענדיגקייט.

ב. צוויג.

SKŁADY TOWAROWE
firmy
A. Zagajski i S-wie
w KIELCACH
własna bocznica kolejowa tel. № 5 i 165.
przyjmują towary do magazynowania w swoich nowowybudowanych składach na warunkach dogodnych.

אין פאבריקס לאגער פון טשענסטאכאווער
אייסארבייטונגען;
שיענניקעס, שפאגיט, פאדים, שטייף־לייווענט, שוסטער פרזשענדזע, ווי אויך פערשידענע לייגעז־אייסארבייטונגען.
ליפערט צו פאבריק פרייזען
E. J. LEWIT Kielce
St. Warszawska 11
רעיעלע בעהאנדלונג!

אנדערע בעשעפטיגונגען? וואו זענען די האנדווערקער קורסען, אויף וועלכע ס'זאל די יורישע יוגענד געלערנט ווערען א פאך?

צוליעב דעם גרויסען שרעקליכען דלות און דער אונגעהערטער נויט, וואס הערשט איצט צווישען יודען, דרעהען זיך ארום הונדערטער יונגע-לייט און פאמיליעס, אפילו אזעלכע וואס האבען נאך עפעס וואס צו פערדינען, מיט די פראגע „וואוהין"? און ף די ל פען. פאר וואס האט די קהלה פערוואלטונג נישט געפינען פאר נויטיג זיך צו פערבינדען מיט אלע עמיגראצ-יאנס געזעלשאפטען ביי אונז, אום קאנען חאטש זיי בייהילפיג זיין מיט ערטיילען ריכטיגע אינפארמאציעס, אז זיי זאלען נישט דארפען אויסגעבען זייערע לעצטע גראשענס אויף הוצאות קיין וואשא. וואו זיי קאנען אויך פאלען אלס קרבן דורך די פערשידענע שווינדלער'ס, וואס לויערען אויף זיי?

צי האט די קהלה פערוואלטונג זיך בעמיהט מיטצוהעלפען די פערשידענע קולטורעלע און פילאנטראפישע אינסטיטוציעס ביי אונז אין שטאדט, וואס לעבען איצט איבער א דאפעלטען קריזיס און זיי חאטש בייהילפיג געווען מיט די קליינע סובסידיעס, וואס מען האט אסיגנירט?

איך וואלט איינענטליך געקאנט נאך שרייבען א סך וועגען די אויפגאבען וואס געהען אריין אין דער קאמפיטענץ פון דער קהלה און -- וועלכע זי האט נישט געטהון. איך בין אבער יעצט נור אויסען צו דערמאנען אונזערע דאזאיעס און זייערע הבטחות און צו מאהנען ביי זיי א נישט איינגעצאהלטען וועקסעל: זיי האבען צוגעזאגט צו שאפען עפעס פאזיטיוועס פאר די יודישע מאסען און — האלטען נישט ווארט.

איך בעגריס פון טיפסטען הארצען די קהלה צום יאהר פון איהר ענטשטעהן און איך ווינש איהר, אז אין 2—טען יאהר זאל זי אריבער פון ווערטער צו מעשים, אז זי זאל ענדליך אנהויבען צו רעאליזירען די הבטחות, וואס זענען אין די וואהל-פלאטפארמ'ס צוגעזאגט געווארען, ווייל דער ביז איצטיגער סך הכל פון דער קהלה טהעטיגקייט איז זעהר און זעהר א טרויעריגער...

ענערגיע און ווילען — ארבייט איז דא גענוג.

קעלץ.

## גאסטשפילען פון אידא קאמינסקא און זיגמונד טורקאוו אין קעלץ.

אונזער שטאדט וועט בעזוכען דאס בעריהמטע קינסטלער-פארל אידא קאמינסקא און זיגמונד טורקאוו. זיי וועלען אויפטרעטען אין 3 פאָרשטעלונגען. שבת דעם 24-טען ה. ח. ווערט געגעבען „דער גורל", דינסטאג דעם 27-טען ה. ח. „דער געדאנק" און מיטוואך דעם 28-טען „דער ערד-גייסט"

ווי ס'איז צו זעהן, טרעט אויף דאס קינסטלער-פארל אין א נייעם רעפערטואר, אין וועלכען ס'געהען אריין די שענסטע קלאסישע און אייראפעאישע זאכען.

מיר ווילען גלויבען, אז דאס יודישע פובליקום אין קעלץ, וועט וויסען ווי אפצושאצען דעם בעזוך פון אונזערע ליבע געסט און וועט זיכער איבערפולען דאס טעאטער איבער די ברעגען.

## א נייער קינא אין קעלץ.

די טעג ווערט אויפ'ן ארט פון געוו. קינא „פאני" געעפענט א נייער קינא א. נ. „טשארי". דער דירעקטאר פון דערמאנטען קינא, איז גלייכצייטיג דירעקטאר פון ראדאמער קינא אונטער'ן זעלבען נאמען, וואו ס'ווערען דעמאנסטרירט די הערליכסטע בילדער פון סעזאהן.

ווי מיר ווערען געוואויר, וועלען די זעלבע בילדער, וואס אין ראדאם, דעמאנסטרירט ווערען אין קעלצער „טשארי".

דאס נייע קינא „טשארי" ווערט ערעפענט מיט'ן פראכטפולען בילד א. נ. „דער כשוף פון וואלף", וועלכעס איז אין ראדאם געגאנגען מיט'ן גרעסטען ערפאלג.

## צו די „הכחשה"-הערען.

אייער הכחשה פאר וועלכע מיר האבען אבגעגעבען ארט אין פאריגען נומער פון אונזער צייטונג און אין וועלכער איהר דראהט מיט געריכטליכע קאנסעקווענצען, פערלאנגט פון אונז צו רעדען מיט אייך אפענע דבורים.

1) ס'איז אלעמען בעקאנט, דאס דער „פעראיין פון נישט פראפעסיאנעלע ארבייטער" איז אידענטיש מיט דער „פועלי ציון" ארגאניזאציע. אייער פארזיצער ה' קירשענבוים איז. אגב, אויך אונטערגעשריבען אויפן בריף פון „פעראיין פון נישט פראפ. ארב." וועגען שטיצע, און אין געגעבענעם פאל איז אונז א קנאפער חילוק אונטער וועלכען נאמען איהר האט זיך אויפגעגעבען.

2) די קהלה האט בעקומען א בריף פון גאנצע רייהע רעגיסטרירטע און אויפגעגעבענע דורך אייך „ארבייטסלאזע" אין וועלכען אונטערגעשריבענע ערקלערען, דאס זיי האבען די גאנצע צייט ארבייט און אז דאס אריינשטעלען זייערע נעמען אויף דער ליסטע פון ארבייטסלאזע איז געשעהן אהן זייער וויסען.

מיר שטעלען דעריבער נאך א מאל די פראגע, מעג זיין דאס מאהל דעם „פעראיין פון נישט פראפ. ארבייטער" צי אויף אזא אויפן דארף א פראפעסיאנעלער פעראיין פערזארגען זיינע נישט — פראפעסיאנעלע מיטגלידער.

## א שרפה.

שבת איז אין געוועלבעל פון ה' יעזשאראווסקי (ווארשאווסקע אלעען) אויסגעבראכען א שרפה. די אייגענטימערין האט אנגעהויבען ארויסטראגען די זאכען און דערביי זיך אבגעבריהט דאס געזיכט און די הענד. מען האט איהר באלד אבגעפיהרט אין שפיטאל.

## איבערגעפאהרען צום טויט.

אין דארף מאראוויצע איז געשעהן א פארפאל, וועלכע האט געמאכט א שטארקען רושם.

פאריגען פרייטאג, ווען דאס 7 יעהריגע מיידעלע איטע ביילטאנסקא האט זיך געשפילט פאר'ן הויז פון איהרע עלטערען איז אנגעפאהרען א אויטאמאביל און איהר איבערגעפאהרען. דער קערפער פון דער אומגליקליכער איז צושניטען געווארען אויף צוויי העלפטען. די איינוואוינער פון דארף האבען זיך געווארפען אויפ'ן שאפער, נור א דאנק דער אינטערוועגץ פון דער פאליציי, איז דעם שאפער גארנישט געשעהן.

אין אויטא איז אויסער דעם שאפער געפאהרען דער פינטשעווער סטאראסטא, ה' לאמאט.


יעדע ווירטיך דארף וויסען,
אז די מאשטש צו פאדלאגעס.
„JAŚNIEJ SŁOŃCA"
גיט צו די פאדלאגעס, פאסאצקעס און לינאלעאום א שעהנע און לאנגדויערדיגען גלאנץ אהן בענוצען זיך מיט בערשטען.
„Jaśniej Słońca"
פערטרעט אייל-פארב, פארבט ווייסע פאדלאגעס אין פערלויף
פון א שעה אויף די פארבען:
מאכאניאווע און טינקעל ארזשעכאווע
פרובט און איהר וועט זיך איבערציינען!
פערקויף אין אלע סקלאד-אפטעטשנעס, זייף און פארב געשעפטען.
Fabryka przetworów techno-chemicznych
„MARY" Warszawa, (Sielce) Zajączkowska 9. Tel. 419 69



טעאטער „פאלסקי" קעלץ ! נור 3 גאסטראלען פון די בעריהמטע ארטיסטען
אידא קאמינסקא, זיגמונד טורקאוו
מיט א גוטען פערסאנאל.
שבת דעם 24 אפריל ווערט געגעבען: דער גורל דראמע אין 4 אקטען פון קארל מערע
דינסטאג דעם 27 אפריל: דער געדאנק דראמע אין 5 אקטען פון ל. אנדרעיעוו
מיטוואך דעם 28 אפריל: דער ערד-גייסט.
בילעטען שוין צו בעקומען אין קאסע פון טעאטער. אנהויב פון די פארשטעלונגען 8.30 אוונט.

גיזעלשאַפט צו פאַרהיטען די געזונטהייט
פון דער יודישער בעפעלקערונג אין
פוילען „טאַז" אָפּטיילונג אין ראַדאָם.

מיר האָבען די עהרע בּקאַנט צו מאַכען, אַז שבּת, דעם 8-טען מאי 8 א זייגער אוועגד וועט אין זאַל פון „עזרה" דלוגאַ 11 פאַרקומען

# די יעהרליכע אַלגעמיינע פערזאַמלונג פוו די מיטגלידער

מיט פאָלגענדען טאָג אָרדנינג:

1) ערעפענונג 2) וואַהלען פון פּרעזידיום. 3) בּעריכט פון דער טעטיגקייט פאַר דער פערגאַנגענער צייט. 4) בעריכט פון דער רעוויזיאָנס-קאָמיטע 5) פּלאַן פון דער ווייטערדיגער טעטיגקייט. 6) וואַהלען. 7) פרייע פאַרשלאַגען.

**בעמערקונג:** אין פאַל פון נישט קומען די נויטיגע צאָהל מיטגלידער, לויט דעם סטאַטוס, וועט די פערזאַמלונג פאַרקומען מיט מיט א שעה שפּעטער ד. ה. 9 א זייגער בּיי יעדער צאָהל מיטגלידער.

די פערוואַלטונג
פון דער געזעלשאַפט „טאָז" אין ראַדאָם.

טיעף גערירט פון דעם טויט פון וויצע-פּרעזעס

# יחיאל יהושיע בּירענבוים נ"ט

דריקען אויס דער ראַט און די פערוואַלטונג פון סוחרים-פעראיין אין ראַדאָם זייער הערצליכען מיטגעפיהל די אין טרויער פערבּליבענער פאַמיליע.

צום טויט פון אונזער פּעטער

## יחיאל יהושיע בּירענבוים

דריקען מיר אויס אינזער וואַרימסטען מיטגעפיהל דער גאַנצער פאַמיליע און מיר ווינשען זיי זאָלען געטרייסט ווערען.

יוסף און לאה פּאָטאָזשניק.

KROJU i SZYCIA
wyucza szybko i dokładnie
KOTLAROWA
**Radom, Lubelska 25.**
**Kursy rozpoczęły się we wtorek 20-go kwietnia.**

KINO „ODEON" w RADOMIU.
ziś i dni następnych
Wielkie arcydzieło polskiej wytwórni filmowej — „DIANA-FILM"
**p. t.**
# CYGANKA AZA
**osnute na tle powieści J. J. KRASZEWSKIEGO**
## CHATA ZA WSIĄ

# BANK KUPIECKI w RADOMIU
Spółdz. z ogr. ,odp. **plac 3-go maja 5 telef. № 14.**

די קאָאָפּעראַטיווע סוחרים-בּאַנק נעמט אָן ווקלאַדען פון די קלענסטע סומען אויף שפּאַר-ביכלעך, ערלעדיגט אַלערליי בּאַנק-אָפּעראַציעס פּינקטליך און צו מעסיגע פּרייזען, זאָלט אויס די איינקאַסירטע געלדער אין דעמזעלבען טאָג.



ווילט איהר האָבען די שענסטע און מאָדערנסטע צימער?

איז נאָר צו קויפען **טאַפּעטען**
בּיי דער בּעקאַנטער פירמאַ

## ש. שטיינמאַן
ראַדאָם, לובלינער 21

צו בּעדייטענד בּיליגע פּרייזען.
אַלס ספּעציאַליסט ווערען צימער-טאַפּעטירונגען אויסגעפערטיגט שנעל, לויט די נייסטע מאָדע.

די אין טרויער פערבליבענע פאַמיליע בּירענבוים, צוליבּ'ן טויט פון זייער אונפערגעסענעם מאַן און פאָטער

# יהושיע בּירענבוים

דריקען מיר אויס אונזער טיפסטען מיטגעפיהל.

## מרדכי לאַנגער
און פאַמיליע.

**Anlässlich des Ablebens unseres Schwagers und Onkels CHIL SZYJA BIRENBAUM bitten wir den Ausdruck unserer herzlichsten und aufrichtigsten Teilnahme freundlichst entgegennehmen zu wollen Wir werden den teuren Entschlafenen stets ein ehrendes Andenken bewahren.**

**Familie Friedmann.**

אונזער טיפסטען מיטגעפיהל דריקען מיר אויס דעם ה' פישעל בּירענבוים צום פערלוסט פון זיין יונג-פערשטאָרבענער מוטער

## חיה נ. ע.

זאָל ער געטרייסט ווערען בתוך שאר אבלי ציון וירושלים.

ניסענבוים, אייזמאַן, ריכטמאַן.

מיר דריקען אויס אונזער טיעפסטען מיטגעפיהל דער אין טרויער פערבליבענער פאַמיליע מינקאָווסקי צוליבּ'ן פריהצייטיגען טויט פון זייער ליבע פרוי און מוטער

## נאַחע נ. ע.

זאָלען זיי געטרייסט ווערען בתוך שאר אבלי ציון וירושלים,

שמואל און יוכבד רייך.

**Bank dla Handlu i Przemysłu**

אין ווארשאַ, אָבטײלונג אין קעלץ.

צוזאמען מיט אלע אָבטיילונגען און אַגענטורען, איבערבלייבענדיג ווייטער אונטער דער געריכטליכער איפזכט האט

**אנגעהויבען טײלווייזע צאהלונגען**

און האט בעגייט די באנק-טעטיגקייט אין די ראמען פון קאָמיס-אָפּעראציעס.

אין באנק-צוזאמענשטעל געהען אריין פארשטעהער פון די בעלי-חובית.

די באַנק גיט אַ פאָלשטענדיגע גווארַאנציע, אויסצופיהרען אַלע ערהאַלטענע אויפטראגען.


**REGINIE BIRENBAUM,** z powodu nieodżałowanej śmierci jej

# OJCA

*szczery żal i współczucie wyrażają*

**PRZYJACIOŁKI.**

Z intencji zaręczyn naszej kochanej przyjaciółki p. **Feli Ajchenbaumówny** z p. **Benem Kurcem** życzymy harmonji i wiecznego szczęścia.

**Dora Werthejmówna,**
**Madzia Mincówna.**

צו די פערלאָבונג פון אונזער פריינד

**ישראל בערקמאַן** מיט פרל' **מאניע גענטיס**

ווינשען מיר אַ גליק און אמת'ע צופרידענהייט זאלען זיין די אייביגע בעגלייטער פון זייער גייען לעבענס-וועג

ח ב ר י ם.

לייביל ראזאנצווייג, יעקב צוקער, לייביל וויינטרויב

צו די פערלאָבונג פון אונזער ברידער און שוואגער

**יוסף ווײַנטרויב**

מיט פרל' **שרה מאנעלא**

ווינשען מיר זיי פיל גליק.

קעלץ. **א. ש. בורשטין** און פרוי.

מיר פיהלען מיט דעם גרויסען צער, וואס האט געטראָפען אונזער פ־יינד **יהושיע פערלע** צוליב'ן טראַגישען טויט פון זיין פרוי אונזער פריינדין

# שרה

חיים מרדכי פאריז, וואלף בער פײַגענבוים,
יוסף סאָקאָלאָווסקי, משה יהושיע ווײַנגארט.

**Stroskanej rodzinie MINKOWSKICH z powodu zgonu**

# MATKI

**szczere współczucie wyrażają**

*S. Landau, M. Gertner,*
*J. Zelicki i B. Heller.*

איך דריק אויס מיטגעפיהל מײַן פרײַנד **יהושיע פערלע** צוליב'ן טראַגישען טוידט פון זיין פרוי

# שרה

מאיר הערץ.

צו די תנאים פון אונזער חבר

**ישראל בערקמאַן** מיט פרל' **מאַניא גענטיס** (אָסטרוג) ווינשן מיר פיעל גליק.

ח ב ר י ם:

**שמואל קאצענעלענבויגען,**
**בעריש ליפשטײַן.**

W dniu wyjazdu ukochanego m e g o b r a t a **Moszka Derdyka** do Brazylji życzę aby rozpoczęcie nowego jego celu szczęśliwe było.

**Salomon Derdyk.**


צו דער

# ערעפנונג

פון קינאָ

# „CZARY“

אין קעלץ

וועט געגעבען ווערען דאס אינטערעסאַנטסטע בילד

**CZAR WALCA**


# מודעה.

איך אונטערגעשריבענער **בנימין לאנדוי** (פוקסאָלנע 14) רוף לדין דעם רב, ר' נחמי' מדרילזש, ער זאל אזוי גוט זיין און זיך מטריח זיין געהן מיט מיר לבית"ד צדק, פאר וועמען ער זאל מברר זיין, צי זיין פסק איז פאקטיש על פין דין ועל פי הלכה אין יודישען שלחן ערוך. איך וויל אויסדריקליך וויסען און זיך איבערצייגען, צי אין דער תורה געפינט זיך א דין אז מען מחויב צו בעצאָהלען א ארבייטער, אין פאל ווען מען זאגט איהם אָב פון פאסטען, פאר דריי חדשים פאראויס.

איך ערקלער פאר דער עפענטליכקייט, אז היות ווי ביי מיר האָט געארבייט א געוויסער אהרן ג. וועמען איך האָב אָבגעזאָגט פון דער ארבייט 6 וואכען פאר פסח, געבענדיג איהם דריי ברירות 1) 50 זל. באַלד בעצאהלען איהם און ער זאָל פערלאזען זיין פאסטען. 2) ער זאל געהן 3 שעה אין טאג ביז פסח, און זוכען זיך ערגיץ ארבייט און איך וועל איהם בעצאָהלען פאר דער צייט ד. ה. פאר די 6 וואָכען ביז פסח, 3) ער זאל ארבייטען ביז פסח נאָר בתנאי, אַז זיין צייט ענדיגט זיך ערב פסח און דערנאך זאל ער צו מיר נישט האבען קיין שום טענה. דער ה' א. ג. האט מסכים געווען אויפן דריטען פונקט אין איז געבליבען ארבייטען ביז ערב פסח. דאמאָלס האב איך בשעת אויסצאהלען זיין שכר נאך א מאהל דערמאנט, אז זיין זמן איז געענדיגט, אָבער נישט קוקענדיג דערויף, האט ער מיך גערופען צו אויבענדערמאנטען רב האָלטען אַ דין תורה. ביי דער דין תורה האט האָט זיך דער ארבייטער ה' א. ג. אליין מודה געווען. אַ ז ד א ס אלץ וואס איך ז א ג איז אמת

איך האָב געפאָדערט ביים רב, אז ער זאָל פסק'ענען אַ ריינע דין־תורה און קיין שום פשר, ווייל אויב יושר, האָב איך ערקלערט, איז עס דאָ ביי מיר אַליין. דער רב ר' נחמי' האט געפסק'ענט איך זאָל בעצאָהלען 80 זל. פעררופענדיג זיך, אַז אַזוי איז דאָ אַ דין אין דער תורה, אַז א יודישען ארבייטער איז מען מחויב אָנצוזאָגען 3 חדשים פאָראויס. איך האָב אויפ'ן אָרט ערקלערט, וויבאַלד עס איז באמת דאָ אזאַ דין ביי יודען, בין איך גרייט צוהאלטען דעם פסק, ווען נישט, וועל איך דעם פסק נישט ערפילען און היות ווי איך האב נאָכגעפרעגט ביי מענשען בני־תורה, וועלכע האבען מיר ערקלערט, אַז זיי ווייסען נישט פון אזאַ דין, האָב איך געלאַזט רופען דעם רב, ר' נחמיה צו איינעם פון די היגע רבנים, אָבער ער האָט געענטפערט, אַז ער איז נישט בקי הבריאות און אז איך האָב צייט 30 טעג צו ערפילען דעם פסק. איך ערקלער דע־ריבער נאָך אַמאָהל ב־בים, אַז איך ב'ין גרייט צו האלטען דעם פסק. נאָר איך פערלאַנג, אַז דער רב, ר' נחמי' זאָל געהן מיט מיר לבית דין צדק, וואו ער זאָל אויפווייזען, אז דער דין איז אזוי, אַנרעדש, אויב דער רב ר' נחמי' וועט נישט געהן צו דער דין תורה, וועל איך אויך נישט האלטען זיין פסק.

מיט אַכטונג
**בנימין לאַנדוי.**

105—09.

Redaktor i Wydawca Ch. M. Herc

Odbito we własnej drukarni, Radom, Szwarlikowska 20.